## Verse Text - (MAL 1:1-MAL 3:24)

| | | |
|---|---|---|
| MAL 1:1 די נבֿואה פֿון ה׳ס וואָרט צו יִשׂרָאֵל דורך מַלאָכין: edit | MAL 1:1 di nevue fun Hashem's vort tsu Yisroel durch Malachien: | MAL 1:1 The burden of the Devar HASHEM to Yisroel by Malachi. |
| MAL 1:2 איך האָב אײַך ליב געהאַט, זאָגט ה׳. און איר זאָגט: מיט וואָס האָסטו אונדז ליב געהאַט? איז נישט עֵשָׂו יעקבֿס אַ ברודער? זאָגט ה׳, פֿון דעסטוועגן האָב איך יעקבֿן ליב געהאַט, edit | MAL 1:2 ich hob ich lib gehat, zogt Hashem. un ir zogt: mit vos hostu undz lib gehat? iz nisht Esav Yaakovs a bruder? zogt Hashem, fun destvegen hob ich Yaakoven lib gehat, | MAL 1:2 I have loved you, saith HASHEM . Yet ye say, Wherein hast Thou loved us? Was not Esav Ya'akov's brother? saith HASHEM ; yet I loved Ya'akov, |
| MAL 1:3 און עֵשָׂון האָב איך פֿײַנט געהאַט, און געמאַכט זײַנע בערג אַ וויסטעניש, און זײַן נחלה פֿאַר מדבר-שאַקאַלן. edit | MAL 1:3 un Esaven hob ich faint gehat, un gemacht zaine berg a vistenish, un zain nachle far midbar-shakalen. | MAL 1:3 But I hated Esav, and his mountains and his nachalah I laid waste into wasteland for the jackals of the midbar. |
| MAL 1:4 אויב אֱדוֹם זאָגט: מיר זײַנען צעשטערט געוואָרן, אָבער מיר וועלן ווידער אָפּבויען די חורבֿות, האָט ה׳ צבָֿאות אַזוי געזאָגט: זיי וועלן בויען, און איך וועל צעשטערן, און מע וועט זיי רופֿן דער געמאַרק פֿון שלעכטיקייט, און דאָס פֿאָלק וואָס ה׳ האָט פֿאַרשאָלטן אויף אייביק. edit | MAL 1:4 oib Edom zogt: mir zainen tseshtert gevoren, ober mir velen vider opboien di churbut, hot Hashem tsbo̅ot azoi gezogt: zei velen boien, un ich vel tseshteren, un me vet zei rufen der gemark fun shlechtikeit, un dos folk vos Hashem hot farsholten oif eibik. | MAL 1:4 Whereas Edom saith, We are dashed to pieces, but we will return and rebuild the ruins; thus saith HASHEM Tzva'os: They may build, but I will throw down; and they shall call them, Gevul Rishah ***(territory of wickedness)*** , and the people against whom HASHEM hath indignation ad olam ***(for ever)*** . |
| MAL 1:5 און אײַערע אויגן וועלן | MAL 1:5 un eyere oigen velen zen, un ir vet zogen: Hashem iz grois | MAL 1:5 And your eyes shall see, and ye shall say, HASHEM is |

| | | |
|---|---|---|
| זען, און איר וועט זאָגן: ה׳ איז גרויס אַריבער דעם געמאַרק פֿון יִשׂרָאֵל. edit | ariber dem gemark fun Yisroel. | gadol ***(great)*** even beyond the Gevul Yisroel. |
| MAL 1:6 אַ זון גיט כּבֿוד אַ פֿאָטער, און אַ קנעכט זיין האַר; איז אויב איך בין אַ פֿאָטער, ווּ איז מייַן כּבֿוד? און אויב איך בין אַ האַר, ווּ איז די מורא פֿאַר מיר? זאָגט ה׳ צבָֿאוֹת צו אײַך, כּהנים, וואָס זייַט מבֿזה {בזה} מייַן נאָמען. און איר זאָגט: מיט וואָס זייַנען מיר מבֿזה דייַן נאָמען? edit | MAL 1:6 a zun git koved a foter, un a knecht zain Har; iz oib ich bin a foter, vu iz main koved? un oib ich bin a Har, vu iz di moire far mir? zogt Hashem tsbo̅ot tsu ich, koyanim, vos zeit mevaze main nomen. un ir zogt: mit vos zainen mir mevaze dain nomen? | MAL 1:6 A ben honoreth his av, and an eved his adon; if then I be an Av, where is Mine honor? And if I be Adonim, where is My reverence? saith HASHEM Tzva'os unto you, O kohanim, that despise My Name. But ye say, Wherein have we despised Thy name? |
| MAL 1:7 איר ברענגט אויף מייַן מזבח אומווערדיקע שפּייַז. און איר זאָגט: מיט וואָס האָבן מיר דיך פֿאַראומווערדיקט? מיט אייַער זאָגן: דער טיש פֿון ה׳ איז נמאס {בזה} . edit | MAL 1:7 ir brengt oif main mizbeyech umverdike shpaiz. un ir zogt: mit vos hoben mir dich farumverdikt? mit ier zogen: der tish fun Hashem iz nims . | MAL 1:7 Ye offer lechem mego'al ***(defiled food)*** upon Mine mizbe'ach; and ye say, Wherein have we defiled Thee? In that ye say, The shulchan of HASHEM is to be despised. |
| MAL 1:8 און אַז איר ברענגט אַ בלינדס קָרבָּן צו שלאַכטן, איז קיין בייז נישט! און אַז איר ברענגט אַ הינקעדיקס און אַ קראַנקס, איז קיין בייז נישט! גענען עס אַקאָרשט צו דייַן פֿירשט, צי ער וועט דיך באַוויליקן, אָדער וועט דיך | MAL 1:8 un az ir brengt a blinds korben tsu shlachten, iz kein beiz nisht! un az ir brengt a hinkediks un a kranks, iz kein beiz nisht! genen es akorsht tsu dain firsht, tsi er vet dich baviliken, oder vet dich oifnemen? zogt Hashem tsbo̅ot. | MAL 1:8 And when ye offer the blind animal for sacrifice, is it not rah? And when ye offer the lame and diseased, is it not rah? Offer it now unto thy governor; will he be pleased with thee, or receive thee? saith HASHEM Tzva'os. |

| | | |
|---|---|---|
| אויפֿנעמען? זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | | |
| MAL 1:9 און אַצונד בעט אַקאָרשט ביַי אֵל, ער זאָל אונדז לייַטזעליקן! דורך אייַער האַנט איז דאָס געשען; קען ער אויפֿנעמען דעם פּנים פֿון עמיצן פֿון איַיך? זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | MAL 1:9 un atsund bet akorsht bai El, er zol undz laitzeliken! durch ier hant iz dos geshen; ken er oifnemen dem ponem fun emitsen fun ich? zogt Hashem tsbōot. | MAL 1:9 And now, I pray you, beseech G-d that He will be gracious unto us; with such offerings from your hand, will He receive you? saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 1:10 וואָלט גאָר ווער פֿון איַיך צושליסן די טירן, און איר זאָלט נישט אָנצינדן פֿיַיער אויף מיַין מזבח אומזיסט! איך וויל איַיך נישט האָבן, זאָגט ה׳ צבָאוֹת, און וועל נישט באַוויליקן קיין קָרבָּן {מִנְחָה} פֿון איַיער האַנט. edit | MAL 1:10 volt gor ver fun ich tsushlisen di tiren, un ir zolt nisht ontsinden faier oif main mizbeyech umzist! ich vil ich nisht hoben, zogt Hashem tsbōot, un vel nisht baviliken kein korben fun ier hant. | MAL 1:10 Who is there even among you that would shut the dlatayim of the Beis Hamikdash so that eish would not be kindled on Mine mizbe'ach in vain? There is no chefetz ***(pleasure)*** to Me with you, saith HASHEM Tzva'os, neither will I accept a minchah at your hand. |
| MAL 1:11 וואָרום פֿון אויפֿגאַנג פֿון דער זון און ביז איר אונטערגאַנג איז מיַין נאָמען גרויס צווישן די פֿעלקער, און אין איטלעכן אָרט ווערט וויַירעך געבראַכט צו מיַין נאָמען און שפּיַיזאָפּפֿער {מִנְחָה} ריינע; וויַיל מיַין נאָמען איז גרויס צווישן די פֿעלקער, זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | MAL 1:11 vorem fun oifgang fun der zun un biz ir untergang iz main nomen grois tsvishen di felker, un in itlechen ort vert vairech gebracht tsu main nomen un shpaizopfer reine; vail main nomen iz grois tsvishen di felker, zogt Hashem tsbōot. | MAL 1:11 For from the rising of the shemesh even unto the going down of the same My name shall be gadol among the Goyim; and in every place incense shall be offered unto My name, and a minchah tehorah; for My name shall be gadol among the Goyim, saith HASHEM Tzva'os. |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 1:12 און איר פֿאַרשוועכט אים מיט אײַער זאָגן: דער טיש פֿון אֲדֹנָי איז אומווערדיק, און זײַן פֿרוכט, זײַן שפּײַז, איז נִמאס {בזה} . edit | MAL 1:12 un ir farshvecht im mit ier zogen: der tish fun Adonoi iz umverdik, un zain frucht, zain shpaiz, iz nims . | MAL 1:12 But ye have committed chillul HASHEM ***(desecration of the Name)*** , in that ye say, The shulchan Adonoi is mego'al ***(defiled)*** ; and the fruit, even the food thereof, is contemptible. |
| MAL 1:13 און איר זאָגט: זע, וואָס פֿאַר אַ טירחא! און איר בלאָזט דערויף, זאָגט ה׳ צבָאוֹת; און איר ברענגט אַ געגזלטס, און אַ הינקעדיקס און אַ קראַנקס; און אַז איר ברענגט דעם קָרבָּן {מִנְחָה}, זאָל איך אים באַוויליקן פֿון אײַער האַנט? זאָגט ה׳. edit | MAL 1:13 un ir zogt: ze, vos far a tirch! un ir blozt deroif, zogt Hashem tsbōot; un ir brengt a gegzlts, un a hinkediks un a kranks; un az ir brengt dem korben, zol ich im baviliken fun ier hant? zogt Hashem. | MAL 1:13 Ye said also, Hinei, what a burden it is! And ye have sniffed scornfully at it, saith HASHEM Tzva'os; and ye brought that which was injured, and the lame, and the diseased; thus ye brought a minchah; should I accept this of your hand? saith HASHEM . |
| MAL 1:14 און פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן דער ליסטיקער, וואָס אין זײַן סטאַדע איז דאָ אַ זָכר, און ער איז מנַדר און שלאַכט אַ געפֿעלערטס צו אֲדֹנָי; וואָרום אַ גרויסער קיניג בין איך, זאָגט ה׳ צבָאוֹת, און מײַן נאָמען איז פֿאָרכטיק צווישן די פֿעלקער. edit | MAL 1:14 un farsholten zol zain der listiker, vos in zain stade iz do a Zecher, un er iz mnadr un shlacht a gefelerts tsu Adonoi; vorem a groiser kinig bin ich, zogt Hashem tsbōot, un main nomen iz forchtik tsvishen di felker. | MAL 1:14 But cursed be the nokhel ***(cheat, swindler, charlatan)*** , which hath in his flock a male, and voweth, and sacrificeth unto HASHEM the one being blemished; for I am a Melech Gadol, saith HASHEM Tzva'os, and My name is to be feared among the Goyim. |
| MAL 2:1 און אַצונד, צו אײַך איז דער דאָזיקער אָנזאָג, איר כֹּהנים: edit | MAL 2:1 un atsund, tsu ich iz der doziker onzog, ir koyanim: | MAL 2:1 And now, O ye kohanim, this mitzvah is for you. |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 2:2 אויב איר וועט נישט צוהערן, און אויב איר וועט נישט אַרײַננעמען אין האַרצן, צו געבן כּבֿוד צו מײַן נאָמען, זאָגט ה׳ צבָֿאות, וועל איך אָנשיקן אויף אײַך אַ קללה, און איך וועל פֿאַרשילטן אײַערע גערעטענישן, יאָ, איך טו זיי פֿאַרשילטן, ווײַל איר נעמט נישט צום האַרצן. edit | MAL 2:2 oib ir vet nisht tsuheren, un oib ir vet nisht arainnemen in hartsen, tsu geben koved tsu main nomen, zogt Hashem tsbōot, vel ich onshiken oif ich a klole, un ich vel farshilten eyere geretenishen, yo, ich tu zei farshilten, vail ir nemt nisht tsum hartsen. | MAL 2:2 If ye will not hear, and if ye will not take it to lev, to give kavod unto My name, saith HASHEM Tzva'os, I will even send a me'erah ***(curse)*** upon you, and I will curse your brakhot; yea, I have cursed them already, because ye do not take it to lev. |
| MAL 2:3 זעט, איך וועל אָנשרײַען בײַ אײַך אויף דער זריעה; און איך וועל צעשיטן מיסט אויף אײַערע פּנימער, דעם מיסט פֿון אײַערע יוֹם-טובֿ-קָרְבֱּנוֹת; און מע וועט אײַך אַוועקטראָגן מיט אים. edit | MAL 2:3 zet, ich vel onshraien bai ich oif der zrie; un ich vel tseshiten mist oif eyere penemer, dem mist fun eyere yom-Tov-korbones; un me vet ich avektrogen mit im. | MAL 2:3 Hineni, I am rebuking your zera, and I will spread dung upon your faces, even the dung of your chagim; and it will take you away with it. |
| MAL 2:4 און איר וועט וויסן אַז איך האָב אײַך געשיקט דעם דאָזיקן אָנזאָג, כּדי מײַן בְּרִית זאָל בלײַבן מיט לֵוִי, זאָגט ה׳ צבָֿאות. edit | MAL 2:4 un ir vet visen az ich hob ich geshikt dem doziken onzog, kedei main bris zol blaiben mit Levi, zogt Hashem tsbōot. | MAL 2:4 And ye shall have da'as that I have sent this mitzvah unto you, that My brit might continue with Levi, saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 2:5 מײַן בְּרִית איז מיט אים געווען אויף לעבן און פֿריד, און איך האָב זיי אים געגעבן, אויף מורא, און ער האָט פֿאַר מיר מורא געהאַט, און פֿאַר מײַן | MAL 2:5 main bris iz mit im geven oif leben un frid, un ich hob zei im gegeben, oif moire, un er hot far mir moire gehat, un far main nomen hot er geangst. | MAL 2:5 My brit was with him of chayyim and shalom; and I gave them to him that he might fear Me; so he feared Me, and stood in reverence before My name. |

| | | |
|---|---|---|
| נאָמען האָט ער געאַנגסט. edit | | |
| MAL 2:6 די תּורה פֿון אמת איז געווען אין זײַן מויל {פֶּה} , און קיין אומרעכט האָט זיך נישט געפֿונען אויף זײַנע ליפּן; אין פֿריד און אין רעכטפֿאַרטיקייט איז ער מיט מיר געגאַנגען, און פֿיל האָט ער אָפּגעקערט פֿון זינד. edit | MAL 2:6 di ture fun emes iz geven in zain moil , un kein umrecht hot zich nisht gefunen oif zaine lipen; in frid un in rechtfartikeit iz er mit mir gegangen, un fil hot er opgekert fun zind. | MAL 2:6 Torat emes was in his mouth, and iniquity was not found on his lips: he walked with Me in shalom and yashrus, and did turn rabbim ***(many)*** away from avon ***(iniquity)*** . |
| MAL 2:7 וואָרום די ליפּן פֿון כֹּהן דאַרפֿן היטן קענשאַפֿט, און די תּורה דאַרף מען זוכן פֿון זײַן מויל, ווײַל דער שָׁלִיח פֿון ה׳ צבָֿאוֹת איז ער. edit | MAL 2:7 vorem di lipen fun koyen darfen hiten kenshaft, un di ture darf men zuchen fun zain moil, vail der sholiich fun Hashem tsbōot iz er. | MAL 2:7 For the kohen's lips should preserve da'as, and they should seek torah at his mouth: for he is the malach HASHEM Tzva'os. |
| MAL 2:8 אָבער איר האָט זיך אָפּגעקערט פֿון וועג, איר האָט געמאַכט שטרויכלען פֿיל אין דער תּורה, איר האָט פֿאַרדאָרבן דעם בְּרִית פֿון לֵוִי, זאָגט ה׳ צבָֿאוֹת. edit | MAL 2:8 ober ir hot zich opgekert fun veg, ir hot gemacht shtroichlen fil in der ture, ir hot fardorben dem bris fun Levi, zogt Hashem tsbōot. | MAL 2:8 But ye are departed out of HaDerech; ye have caused rabbim to fall into a michshol ***(stumbling block)*** at the torah ***(teaching)*** ; ye have corrupted the Brit of Levi saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 2:9 דערום האָב איך אויך אײַך געמאַכט נִבְזה {בזה} און שָׁפָל בײַ דעם גאַנצן פֿאָלק, ווערדליק ווי איר היט נישט מײַנע וועגן, און שאַנעוועט מענטשן אין געזעץ. edit | MAL 2:9 derum hob ich oich ich gemacht nivzh un shofl bai dem gantsen folk, vedlik vi ir hit nisht maine vegen, un shanevet mentshen in gezets. | MAL 2:9 Therefore have I also made you contemptible and shefalim before kol HaAm because ye have not been shomrim of darkhei of Me, but have shown partiality in torah. |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 2:10 איז נישט איין פֿאָטער בײַ אונדז אַלעמען? האָט אונדז נישט איין אֵל באַשאַפֿן? פֿאַר וואָס זאָלן מיר פֿעלשן איינער אָן אַנדערן, צו פֿאַרשוועכן דעם בְּרִית פֿון אונדזערע עלטערן? edit | MAL 2:10 iz nisht ein foter bai undz alemen? hot undz nisht ein El bashafen? far vos zolen mir felshen einer on anderen, tsu farshvechen dem bris fun undzere elteren? | MAL 2:10 Have we not all Av Echad? Hath not El Echad created us? Why do we commit chillul Brit Avoteinu by every man breaking faith with his brother? |
| MAL 2:11 געפֿעלשט האָט יהוּדה, און אומווערדיקייט איז געטאָן געוואָרן אין יִשְׂרָאֵל און אין ירוּשָׁלַיִם, וואָרום פֿאַרשוועכט האָט יהוּדה די הייליקייט פֿון ה׳ וואָס ער האָט ליב געהאַט, און האָט באַמאַנט די טאָכטער פֿון אַ פֿרעמדן ג-ט. edit | MAL 2:11 gefelsht hot Yehudah, un umverdikeit iz geton gevoren in Yisroel un in Yerusholayim, vorem farshvecht hot Yehudah di heilikeit fun Hashem vos er hot lib gehat, un hot bamant di tochter fun a fremden G-t. | MAL 2:11 Yehudah hath broken faith, and a toeva ***(abomination)*** is committed in Yisroel and in Yerushalayim; for Yehudah hath committed chillul against the Beis Hamikdash HASHEM loves, by marrying the bat el nekhar. |
| MAL 2:12 ה׳ וועט פֿאַרשנײַדן {כרת} בײַ דעם מאַן וואָס טוט דאָס, אַ רופֿער און אַן ענטפֿערער פֿון די געצעלטן פֿון יעקבֿ, און דעם וואָס ברענגט אַ קָרבָּן {מִנְחָה} צו ה׳ צְבָאוֹת. edit | MAL 2:12 Hashem vet farshnaiden bai dem man vos tut dos, a rufer un an entferer fun di getselten fun Yaakov, un dem vos brengt a korben tsu Hashem tsbōot. | MAL 2:12 May HASHEM cut off the man that doeth this, [offspring] awake and answering, from the ohalim of Ya'akov, that offereth a minchah unto HASHEM Tzva'os. |
| MAL 2:13 און צווייטנס טוט איר אָט וואָס: איר באַדעקט דעם מזבח פֿון ה׳ מיט טרערן. מיט געוויין און מיט זיפֿצעניש, ביז | MAL 2:13 un tsveitns tut ir ot vos: ir badekt dem mizbeyech fun Hashem mit treren. mit gevain un mit ziftsenish, biz er ken zich mer nisht keren tsum | MAL 2:13 And this too have ye done, covering the mizbe'ach of HASHEM with tears, with weeping, and with crying out, because that He regardeth not |

| | | |
|---|---|---|
| ער קען זיך מער נישט קערן צום קָרבָּן {מִנְחָה}, און אים אָננעמען מיט באַווילִיקונג פֿון אײַער האַנט. edit | korben, un im onnemen mit bavilikung fun ier hant. | the minchah any more, nor receiveth it with ratzon ***(good will)*** at your hand. |
| MAL 2:14 און איר זאָגט: פֿאַר וואָס? – ווײַל ה׳ איז עדות צווישן דיר און דער ווײַב פֿון דײַן יוגנט, וואָס דו האָסט געפֿעלשט אָן איר, הגם זי איז דײַן חבֿרטע, און די ווײַב פֿון דײַן בְּרִית. edit | MAL 2:14 un ir zogt: far vos? – vail Hashem iz eides tsvishen dir un der vaib fun dain yugnt, vos du host gefelsht on ir, hagam zi iz dain chvrte, un di vaib fun dain bris. | MAL 2:14 Yet ye say, Wherefore? Because HASHEM hath been ed ***(witness)*** between thee and the wife of thy youth, against whom thou hast dealt treacherously, breaking faith: yet is she thy chaveret, and the wife of thy brit. |
| MAL 2:15 און קיין איינער וועט דאָס נישט טאָן וואָס האָט אַן איבערבלײַב פֿון גײַסט. וואָרום וואָס פֿאַרלאַנגט יעטוועדער איינער? אַ זאָמען פֿון אלֹקים. דערום זאָלט איר זײַן אָפּגעהיט אין אײַער גײַסט, און אָן דער ווײַב פֿון זײַן יוגנט זאָל מען נישט פֿעלשן. edit | MAL 2:15 un kein einer vet dos nisht ton vos hot an iberblaib fun Gaist. vorem vos farlangt yetveder einer? a zomen fun Elokim. derum zolt ir zain opgehit in ier Gaist, un on der vaib fun zain yugnt zol men nisht felshen. | MAL 2:15 And did not HASHEM make echad? And the remnant of the ruach is HASHEM 's. And why echad? That He might seek zera Elohim. Therefore be shomer of your ruach, and let none deal treacherously against the wife of his youth. |
| MAL 2:16 וואָרום איך האָב פֿײַנט שיידונג, זאָגט ה׳ אלוקי יִשְׂרָאֵל, און דעם וואָס באַדעקט זײַן קלייד מיט אומרעכט, זאָגט ה׳ צבָאוֹת; דערום זאָלט איר זײַן אָפּגעהיט אין אײַער גײַסט, אַז | MAL 2:16 vorem ich hob faint sheidung, zogt Hashem Elochei Yisroel, un dem vos badekt zain kleid mit umrecht, zogt Hashem tsbo̅ot; derum zolt ir zain opgehit in ier Gaist, az ir zolt nisht felshen. | MAL 2:16 For HASHEM Elohei Yisroel saith that He hateth putting away: for it covereth one's garment with chamas ***(violence)*** , saith the HASHEM Tzva'os: therefore, be shomer of your ruach, that ye deal not treacherously, breaking faith. |

| | | |
|---|---|---|
| איר זאָלט נישט פֿעלשן. edit | | |
| MAL 2:17 איר האָט מיד געמאַכט ה׳ מיט אײַערע רייד, און איר זאָגט: מיט וואָס האָבן מיר מיד געמאַכט? מיט אײַער זאָגן: איטלעכער וואָס טוט בייז, איז גוט אין די אויגן פֿון ה׳, און זיי וויל ער האָבן; אָדער, ווּ איז דער אלֹקים פֿון גערעכטיקייט? edit | MAL 2:17 ir hot mid gemacht Hashem mit eyere reid, un ir zogt: mit vos hoben mir mid gemacht? mit ier zogen: itlecher vos tut beiz, iz gut in di oigen fun Hashem, un zei vil er hoben; oder, vu iz der Elokim fun gerechtikeit? | MAL 2:17 Ye have wearied HASHEM with your devarim. Yet ye say, Wherein have we wearied Him? When ye say, Everyone that doeth rah is tov in the sight of HASHEM , and in them HASHEM finds chafetz; or, Where is Elohei HaMishpat? |
| MAL 3:1 זע, איך שיק מײַן שָׁלִיח {מלאך}, און ער וועט אָפּראַמען דעם וועג פֿאַר מיר, און פּלוצלינג וועט קומען צו זײַן הֵיכל הָאָדוֹן וועמען איר זוכט; און דער שָׁלִיח (מלאך) פֿון בְּרִית וועמען איר באַגערט, אָט קומט ער, זאָגט ה׳ צְבָאוֹת. edit | MAL 3:1 ze, ich shik main sholiich, un er vet opramen dem veg far mir, un plutsling vet kumen tsu zain heichl hoodon vemen ir zucht; un der sholiich (malech) fun bris vemen ir bagert, ot kumt er, zogt Hashem tsbo̅ot. | MAL 3:1 Hineni, I will send malachi, and he shall prepare the Derech before me: and HaAdon ***(the L-rd)*** [Moshiach], whom ye seek, shall suddenly come to His Heikhal, even the Malach HaBrit, in whom ye have chafetz ***(delight)*** : hinei, He is coming, saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 3:2 און ווער קען אויסהאַלטן דעם טאָג פֿון זײַן קומען? און ווער איז דער וואָס קען באַשטיין, ווען ער באַווײַזט זיך? וואָרום ער איז ווי פֿײַער פֿון דעם שמעלצער, און ווי לויג פֿון וועשער. edit | MAL 3:2 un ver ken oishalten dem tog fun zain kumen? un ver iz der vos ken bashtein, ven er bavaizt zich? vorem er iz vi faier fun dem shmeltser, un vi loig fun vesher. | MAL 3:2 But who may abide the Yom Bo'o ***(day of His coming)*** ? Who shall stand when He appeareth? For He is like a refiner’s eish, and like fullers’ soap: |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 3:3 און ער וועט זיצן ווי אַ שמעלצער און אַ רייניקער פֿון זילבער, און וועט רייניקן די קינדער פֿון לֵוִי, און זיי לייַטערן ווי גאָלד און ווי זילבער; און זיי וועלן ברענגען צו ה׳ קָרְבָּנוֹת {מְנָחוֹת} אין גערעכטיקייט. edit | MAL 3:3 un er vet zitsen vi a shmeltser un a reiniker fun zilber, un vet reiniken di kinder fun Levi, un zei leiteren vi gold un vi zilber; un zei velen brengen tsu Hashem korbones in gerechtikeit. | MAL 3:3 And He shall sit as a refiner and purifier of kesef; and He shall purify the Bnei Levi, and purge them as zahav and kesef, that they may offer unto Hashem an offering in tzedakah. |
| MAL 3:4 און אָנגעלייגט וועט זייַן בייַ ה׳ דער קָרבָּן {מִנְחָה} פֿון יהוּדה און ירושָׁלַיִם, ווי אין די טעג פֿון אַמאָל, און ווי אין פֿאַרצייַטיקע יאָרן. edit | MAL 3:4 un ongeleigt vet zain bai Hashem der korben fun Yehudah un Yerusholayim, vi in di teg fun amol, un vi in fartsaitike yoren. | MAL 3:4 Then shall the offering of Yehudah and Yerushalayim be pleasing unto Hashem , as in the yamei olam ***(days of old)*** , and as in shanim kadmoniyyot ***(former years)*** . |
| MAL 3:5 און איך וועל גענענען צום משפּט אויף אייַך, און איך וועל זייַן אַ שנעלער עדות, אַקעגן די מכשפּים, און אַקעגן די נוֹאפים, און אַקעגן די וואָס שווערן פֿאַלש, און אַקעגן די וואָס רויבן דעם לוינאַרבעטער פֿון זייַן לוין, די אַלמנה און דעם יתום, און קריוודען דעם פֿרעמדן, און האָבן נישט קיין מורא פֿאַר מיר, זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | MAL 3:5 un ich vel genenen tsum mishpot oif ich, un ich vel zain a shneler eides, akegen di mechashfim, un akegen di noiofem, un akegen di vos shveren falsh, un akegen di vos roiben dem loinarbeter fun zain loin, di almone un dem ytum, un krivden dem fremden, un hoben nisht kein moire far mir, zogt Hashem tsbōot. | MAL 3:5 And I will come near to you for mishpat; and I will be a swift ed ***(witness)*** against the mekhashfim ***(sorcerers)*** , and against the mena'afim ***(adulterers)*** , and against false swearers, and against those that oppress the hireling in his wages, the almanah ***(widow)*** , and the fatherless, and that turn aside the ger from his right, and fear not Me, saith Hashem Tzva'os. |
| MAL 3:6 אָבער איך ה׳ ענדער זיך נישט, און איר קינדער פֿון | MAL 3:6 ober ich Hashem ender zich nisht, un ir kinder fun Yaakov vet nisht farlendt veren. | MAL 3:6 For I am Hashem , I change not; therefore ye Bnei Ya'akov are not consumed. |

| | | |
|---|---|---|
| יעקבֿ וועט נישט פֿאַרלענדט ווערן. edit | | |
| MAL 3:7 פֿון די טעג פֿון אייַערע עלטערן אָן האָט איר זיך אָפּגעקערט פֿון מייַנע געזעצן, און זיי נישט געהיט; קערט אייַך אום צו מיר, און איך וועל זיך אומקערן צו אייַך, זאָגט ה׳ צבָֿאות. אָבער איר זאָגט: וועגן וואָס זאָלן מיר זיך אומקערן? edit | MAL 3:7 fun di teg fun eyere elteren on hot ir zich opgekert fun maine gezetsen, un zei nisht gehit; kert ich um tsu mir, un ich vel zich umkeren tsu ich, zogt Hashem tsbōot. ober ir zogt: vegen vos zolen mir zich umkeren? | MAL 3:7 Even from the yamei avoteichem ye are gone away from Mine chukkim, and have not been shomer over them. Return unto Me, and I will return unto you, saith HASHEM Tzva'os. But ye said, Wherein shall we return? |
| MAL 3:8 צי דאַרף אַ מענטש באַרויבן אלקים, וואָס איר באַרויבט מיך? און איר זאָגט: אין וואָס באַרויבן מיר דיך? אין דעם מעשׂר און דער אָפּשיידונג {תְּרוּמָה}. edit | MAL 3:8 tsi darf a mentsh baroiben Elokim, vos ir baroibt mich? un ir zogt: in vos baroiben mir dich? in dem maiser un der opsheidung. | MAL 3:8 Will a man rob G-d? Yet ye have robbed Me. But ye say, Wherein have we robbed Thee? In ma'aser ***(tithes)*** and terumah ***(offerings, contributions)*** . |
| MAL 3:9 איר זייַט מיט אַ קללה פֿאַרשאָלטן, פֿון דעסט וועגן באַרויבט איר מיך, דאָס גאַנצע פֿאָלק. edit | MAL 3:9 ir zeit mit a klole farsholten , fun dest vegen baroibt ir mich, dos gantse folk. | MAL 3:9 Ye are cursed with a me'erah ***(curse)*** ; for ye have robbed Me, even this whole Goy ***(nation)*** . |
| MAL 3:10 ברענגט דעם גאַנצן מעשׂר אין שאַצהויז, און זאָל זייַן שפּייַז אין מייַן הויז, און פּרוּווט מיך אַקאָרשט דערמיט, זאָגט ה׳ צבָֿאות, אויב איך וועל אייַך נישט | MAL 3:10 brengt dem gantsen maiser in shatshoiz, un zol zain shpaiz in main hoiz, un pruvet mich akorsht dermit, zogt Hashem tsbōot, oib ich vel ich nisht efenen di fentster fun himel, un vel ich nisht | MAL 3:10 Bring ye kol hama'aser ***(all the tithes)*** into the Beis HaOtzar ***(House of the Treasury)*** , that there may be teref ***(food)*** in Mine Beis, and prove Me now herewith, saith HASHEM Tzva'os, if I will not |

| | | |
|---|---|---|
| עפֿענען די פֿענצטער פֿון הימל, און וועל אײַך נישט אַראָפּגיסן אַ ברכה ביז איבער גענוג. edit | aropgisen a brocha biz iber genug. | open you the windows of Shomayim, and pour you out a brocha, that there shall not be room enough to receive it. |
| MAL 3:11 און איך וועל אָנשרײַען פֿון אײַערטװעגן אויף דעם פֿאַרצערער, און ער וועט אײַך נישט פֿאַרוויסטן די פֿרוכט פֿון דער ערד, און אײַער װײַנשטאָק וועט נישט פֿאַרוואַרפֿן אין פֿעלד, זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | MAL 3:11 un ich vel onshraien fun eyertvegen oif dem fartserer, un er vet ich nisht farvisten di frucht fun der erd, un ier vainshtok vet nisht farvorfen in feld, zogt Hashem tsbo̅ot. | MAL 3:11 And I will rebuke the devourer for your sakes, and he shall not destroy the p'ri ha'adamah; neither shall your gefen cast her fruit before the time in the sadeh, saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 3:12 און אַלע פֿעלקער וועלן אײַך שאַצן גליקלעך, וואָרום איר וועט זײַן אַ געווינטשט לאַנד, זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | MAL 3:12 un ale felker velen ich shatsen gliklech, vorem ir vet zain a gevintsht land, zogt Hashem tsbo̅ot. | MAL 3:12 And kol HaGoyim shall call you blessed; for ye shall be an Eretz Chefetz, saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 3:13 פֿאַרשײַט זײַנען אײַערע רייד קעגן מיר, זאָגט ה׳. און איר זאָגט: וואָס האָבן מיר גערעדט אַקעגן דיר? edit | MAL 3:13 farshait zainen eyere reid kegen mir, zogt Hashem. un ir zogt: vos hoben mir geredt akegen dir? | MAL 3:13 Your devarim have been harsh against Me, saith HASHEM . Yet ye say, What have we spoken so much against Thee? |
| MAL 3:14 איר האָט געזאָגט: אומזיסט איז דינען אלֹקים, און וואָס קומט אַרויס אַז מיר האָבן געהיט זײַן היטונג, און אַז מיר זײַנען אומגעגאַנגען פֿינצטער פֿון וועגן ה׳ צבָאוֹת? edit | MAL 3:14 ir hot gezogt: umzist iz dinen Elokim, un vos kumt arois az mir hoben gehit zain hitung, un az mir zainen umgegangen fintster fun vegen Hashem tsbo̅ot? | MAL 3:14 Ye have said, Avod Elohim is vain; and what profit is it that we have been shomer over His mishmeret, and that we have walked as mourners before HASHEM Tzva'os? |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 3:15 איז, אַצונד שאַצן מיר גליקלעך די מוטוויליקע; יאָ, אויפֿגעריכט געוואָרן זייַנען די וואָס טוען שלעכטס, יאָ, זיי האָבן געפּרוּווט אלקים, און זייַנען אַנטרונען געוואָרן. edit | MAL 3:15 iz, atsund shatsen mir gliklech di mutvilike; yo, oifgericht gevoren zainen di vos tuen shlechts, yo, zei hoben gepruvet Elokim, un zainen antrunen gevoren. | MAL 3:15 And now we call the zedim ***(proud)*** happy; yea, they that work rishah ***(wickedness)*** are set up; yea, they that tempt Elohim even go free. |
| MAL 3:16 דענס מאָל האָבן די פֿאָרכטיקע פֿון ה׳ גערעדט איינער צום אַנדערן, און ג-ט האָט פֿאַרנומען און צוגעהערט, און אַ בוך פֿון דערמאָנונג איז אָנגעשריבן געוואָרן ביי אים, פֿאַר די וואָס פֿאָרכטן ה׳, און טראַכטן אָן זייַן נאָמען. edit | MAL 3:16 dens mol hoben di forchtike fun Hashem geredt einer tsum anderen, un G-t hot farnumen un tsugehert, un a buch fun dermonung iz ongeshriben gevoren bai im, far di vos forchten Hashem, un trachten on zain nomen. | MAL 3:16 Then they that feared HASHEM spoke often one to another; and HASHEM paid heed, and heard it, and a Sefer Zikaron ***(book of remembrance)*** was written before Him for them that feared HASHEM , and that meditated upon Shmo ***(His Name)*** . |
| MAL 3:17 און זיי וועלן מיר זייַן אַ טייַער אייגנס, זאָגט ה׳ צבָאוֹת, אין דעם טאָג וואָס איך באַשער; און איך וועל זיך דערבאַרימען אויף זיי, ווי אַ מאַן דערבאַרימט זיך אויף זייַן זון וואָס דינט אים. edit | MAL 3:17 un zei velen mir zain a taier eigens, zogt Hashem tsbōot, in dem tog vos ich basher; un ich vel zich derbarimen oif zei, vi a man derbarimt zich oif zain zun vos dint im. | MAL 3:17 And they shall be Mine, saith HASHEM Tzva'os, in that Yom when I make up My segullah ***(special treasure, possession)*** ; and I will spare them, as a man spareth his own ben haoved oto ***(son that serveth him)*** . |
| MAL 3:18 און איר וועט ווידער אייַנזען צווישן דעם צדיק און דעם רשע, צווישן דעם וואָס דינט אלקים, און דער וואס דינט אים נישט. edit | MAL 3:18 un ir vet vider inzen tsvishen dem tsadik un dem roshe, tsvishen dem vos dint Elokim, un der vs dint im nisht. | MAL 3:18 Then shall ye return, and discern between the tzaddik and the rasha, between oved Elohim ***(him that serveth G-d)*** and him that serveth Him not. |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 3:19 וואָרום זע, דער טאָג קומט, ער ברענט ווי אַן אויוון, און אַלע מוטוויליקע און אַלע וואָס טוען שלעכטס וועלן זייַן שטרוי, און אָנצינדן וועט זיי דער טאָג וואָס קומט, זאָגט ה׳ צבָאוֹת, אַז ער וועט זיי נישט איבערלאָזן אַ וואָרצל אָדער אַ צווייַג. edit | MAL 3:19 vorem ze, der tog kumt, er brent vi an oiven, un ale mutvilike un ale vos tuen shlechts velen zain shtroi, un ontsinden vet zei der tog vos kumt, zogt Hashem tsbōot, az er vet zei nisht iberlozen a vortsel oder a tsveig. | MAL 3:19 For, hinei, HaYom bah ***(the day cometh)*** , that shall burn as an oven; and kol zedim ***(all the proud)*** , yea, and all that do wickedly, shall be stubble; and HaYom that cometh shall burn them up, saith HASHEM Tzva'os, that it shall leave them neither shoresh ***(root)*** nor anaf ***(branch)*** . |
| MAL 3:20 אָבער אייַך, וואָס האָט מורא פֿאַר מייַן נאָמען, וועט אויפֿגיין די זון פֿון גערעכטיקייט מיט היילונג אין אירע פֿליגלען; און איר וועט אַרויסגיין און וועט שפּרינגען ווי קעלבער פֿון שטאַל. edit | MAL 3:20 ober ich, vos hot moire far main nomen, vet oifgein di zun fun gerechtikeit mit heilung in ire fliglen; un ir vet aroisgein un vet shpringen vi kelber fun shtal. | MAL 3:20 But unto you that fear My name shall the Shemesh Tzedakah ***(sun of righteousness)*** arise with healing in his wings; and ye shall go forth, and grow up as calves of the stall. |
| MAL 3:21 און איר וועט צודריקן די רשָעים, וואָרום זיי וועלן זייַן אַש אונטער אייַערע פֿוסטריט אין דעם טאָג וואָס איך באַשער, זאָגט ה׳ צבָאוֹת. edit | MAL 3:21 un ir vet tsudriken di reshoiem, vorem zei velen zain ash unter eyere fustrit in dem tog vos ich basher, zogt Hashem tsbōot. | MAL 3:21 And ye shall trample down the resha'im; for they shall be ashes under the soles of your feet in HaYom that I shall do this, saith HASHEM Tzva'os. |
| MAL 3:22 געדענקט די תּורה פֿון מייַן קנעכט משהן, וואָס איך האָב אים באַפֿוילן אין חוֹרֵב פֿאַר גאַנץ יִשׂרָאֵל, חוקים און געזעצן. edit | MAL 3:22 gedenkt di ture fun main knecht Mosheen, vos ich hob im bafoilen in Chorev far gants Yisroel, chukkim un gezetsen. | MAL 3:22 Remember ye the Torat Moshe Avdi, which I commanded unto him in Chorev for kol Yisroel, with the chukkim ***(statutes)*** and mishpatim ***(judgments)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| MAL 3:23 זעט, איך שיק צו אײַך אֵלִיָהו הנבִֿיא, אײדער עס קומט דער טאָג פֿון ה׳, דער גרויסער און דער מוֹראדיקער. edit | MAL 3:23 zet, ich shik tsu ich Eliyahu hanovi, eider es kumt der tog fun Hashem, der groiser un der moirediker. | MAL 3:23 Hinei, I will send you Eliyahu HaNavi before the coming of the great and dreadful Yom HASHEM ; |